בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' האזינו | כ"ז אלול | סליחות | תשע"א | פסחים: ק.

# באריכט:

נעכטן - זונטאג אינדערפרי נאכ'ן דאווענען האבן די תלמידי ישיבה קטנה קרית יואל - חלק א' בהנהלת הר"ר חיים אלעזר דאווידאוויטש שליט"א זיך געשטעלט צום פארהער ביים רבי'ן שליט"א אויף מס' גיטין – די לימודים פון פארלאפענעם יאהר.

נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א אריבער צו די כתיבת אותיות פונעם ספר תורה וואס איז געשריבן געווארן דורך דעם בארימטן דר. זאב זאלענקא הי"ו און איז אריינגעגעבן געווארן צום ביהמ"ד שניאור זלמן אין שכינות פון קרית יואל.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר מאיר ווערטהיימער הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן הר"ר משה ארי' גוטמאן הי"ו מנהל במוסדות קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א פארהערט די בחורים תלמידי ישיבה קטנה קרית יואל – ח"ב בהנהלת הר"ר חיים לייב זילבערשטיין שליט"א, ווי די בחורים האבן זיך אויסגעצייכענט אין מס' גיטין וועלכע זיי האבן געלערנט דעם פארלאפענעם יאהר.

דאן האבן זיך א גרויס טייל בחורים אויך געשטעלט צום פארהער אויף מס' קידושין וועלכע זיי האבן איבערגעחזר'ט פון די לימודים פון כיתה ט' – א יאהר פריער, און זיך אויסגעצייכענט אין די פארהער.

❧•❧

אין די פארמיטאג שעה'ן זענען די תלמידים פון די עלסטע כיתה פון ישיבת היכל התורה ד'סאטמאר וויליאמסבורג געקומען צו מרן רבינו שליט"א ווי זיי האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף אלע 4 מסכתות וועלכע זיי האבן געלערנט אין די פארלאפענע פיר יאהר בין כותלי הישיבה, מס' גיטין, מס' בבא קמא, מס' נדרים און מס' שבועות, אין וועלכע די תלמידים האבן זיך שטארק אויסגעצייכענט אין די לימודים.

*-מרבה תורה מרבה חכמה-*

❧•❧

## שיעורי ודרשות הכנה ליום טוב

אין בעפארברייטונג צו די ימים טובים הבעל"ט קומען היינט נאכט פאהר שיעורי הכנה בבתי מדרשינו.

בבית מדרשינו הגדול אין **וויליאמסבורג** וועט אי"ה הרה"ג ר' יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א ר"מ בישיתיה"ק בארא פארק אופטרעטן מיט א דרשת הכנה לראש השנה אום 9:00 אזייגער אין אוונט.

אין בית מדרשינו ישמח משה אין וויליאמסבורג וועט הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק' געבן א שיעור כללי בדיני תקיעת שופר, תפילות ראש השנה און עירוב תבשילין, אום 9:00 אזייגער.

אין **בארא פארק** וועט אי"ה היינט נאכט פאהרקומען א ספעציעלע שיעור פאר אינגע אינגעלייט דורך הרה"ג ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' ב"פ אין די אקטועלע הל' פון די ד' מינים, אום 8:30 אין עס-זאל נעבן ביהמ"ד הגדול.

אין בית מדרשינו אין **אנטווערפן** גיבט היינט הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א א שיעור הכנה והתעוררות אויף ראש השנה אום 9:00 אזייגער.

***-שמעו ותחי נפשכם!-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.